## קאַפּיטל אַכט

1 אַזוי אַרום איז נישטאָ מער קיין שום פֿאַראורטיילונג
2 פֿאַר די, וואָס זענען אינם משיח ישוע. ווייל
די תורה פֿונם גייסט פֿון לעבן אין משיח ישוע האָט
דיך באַפֿרייט פֿונם געזעץ פֿון זינד און טויט.
3 וואָרום וואָס די תורה האָט נישט געקענט טון, ווייל
זי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורכן פֿלייש, האָט ג־ט,
שיקנדיק זיין אייגענעם זון אין דעם געשטאַלט פֿון
זינדיק פֿלייש און וועגן דער זינד, פֿאַראורטיילט די
4 זינד אינם פֿלייש; כדי די צדקות פֿון דער תורה
זאָל דערפֿילט ווערן אין אונדז, וואָס וואַנדלען נישט
5 לויטן פֿלייש נאָר לויטן גייסט. וואָרום די, וואָס
זענען לויטן פֿלייש, דענקען פֿון פֿליישלעכע זאַכן,
אָבער די, וואָס זענען לויטן גייסט, גייסטלעכע זאַכן.
6 וואָרום דאָס טראַכטן פֿון דעם פֿלייש איז דער טויט,
אָבער דאָס טראַכטן פֿונם גייסט איז לעבן און
7 שלום; ווייל דאָס טראַכטן פֿונם פֿלייש איז שנאה
צו ג־ט, מחמת עס אונטערטעניקט זיך נישט
צו ג־טס תורה און עס קען אויך טאַקע נישט;
8 און די, וואָס זענען אינם פֿלייש, קענען נישט געפֿעלן
9 ג־ט. אָבער איר זענט נישט אינם פֿלייש נאָר
אינם גייסט, אויב ג־טס גייסט וווינט באמת אין
אייך. און אויב עמיצער האָט נישט משיחס גייסט,
10 געהערט דער דאָזיקער נישט צו אים. אויב אָבער
משיח איז יאָ אין אייך, איז דער גוף טויט דורך זינד,
11 אָבער דער גייסט איז לעבן דורך צדקות. און אויב
דער גייסט פֿון אים, וואָס האָט אויפֿגעוועקט ישוען
פֿון די טויטע, וווינט אין אייך, וועט ער, וואָס
האָט אויפֿגעוועקט משיח ישוען, אויך לעבעדיק